N.C.
E/80061

ביבליאָטעק „גרינינקע ביימעלעך"

רעדאַקטירט פון ש. באַסטאָמסקי

---

ש. באַסטאָמסקי

# בּעטהאָווענס לבָנֶה-סאָנאַטע

INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

ווילנע

פאַרלאַג „נייע יידישע פאָלקסשול"

1928

**Biblioteka „GRININKE BOJMEŁECH"**
redagowano przez S BASTOMSKIEGO.

---

**Sonata księżycowa Bethowena**
Przekład S. Bastomskiego

---

Drukarnia Notesa i Szwajlicha Wilno, Wileńska 16



לודוויק בעטהאָווען

דאָס איז געווען אין באָן *).

אין אַ לבָניקן פרילינגס־אָוונט בין איך אַמאָל אַריינגעקומען צו בעטהאָ־ווענען רופן אים שפּאַצירן.

מיר זיינען געגאַנגען דורך אַ שמאָל פינסטער געסל.

פּלוצלונג איז בעטהאָווען שטיין געבליבן.

— וואַרט... — האָט ער געזאָגט — וואָס זיינען דאָס פאַר אַ קלאַנגען?.. עמיצער שפּילט מיין סאָנאַטע... און ווי גוט ער שפּילט!...

מיר זיינען געשטאַנען ביי אַ קליי־נעם אָרעמען הייזל און מיט התפּעלות זיך צוגעהערט.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך די מו־

---

*) די שטאָט, וו בעטהאָווען איז געבאָרן געוואָרן. (ניט ווייט פון קעלן, אין דייטשלאַנד).

זיק איבערגעריסן און מיר האָבן דער־
הערט אַ פאַרשטיקט געוויין.

— איך קאָן מער ניט שפילן!..—האָט
זיך דערהערט עמיצנס אַ שטים — דאָס
איז צו פראַכטפול... איך פיל, אַז איך
שפּיל ניט אַזוי ווי מע דאַרף... אָ,
ווען עס גיט זיך מיר איין, כאָטש איין
מאָל דאָס צו הערן אין דער אויספירונג
פון אַ גרויסן מוזיקער!..

— ס'איז אַ חלום, שוועסטער — האָט
געענטפערט אַ צווייטע שטים — אַ חלום,
וואָס ס'איז שווער צו פאַרווירקלעכן...
מיר זיינען דאָך אַזוי געמיין, אַזוי גע־
דריקט...

— איך ווייס, איך ווייס!.. נאָר ווען
עס געלינגט מיר כאָטש ווען־ניט־איז,
כאָטש איין מאָל אין לעבן צו הערן
אמתע דערהויבענע מוזיק!..

— קום אַריין — האָט געזאָגט בעט־
האָווען, און זיין שטים האָט אַ ציטער
געטאָן.

— אַריין? צו וואָס?..

— איך וועל שפּילן — האָט ער גע־ענטפערט — און מע וועט מיך דאָ פאַר־שטיין. איך פיל דאָס.

ער האָט געעפנט די טיר און מיר זיינען אַריין.

ביים עק טיש איז געזעסן אַ יונגער־מאַן און האָט פאַריכט אַן אַלטן שטיוול.

ביי אַן אַלטפרענקישן קלאַוויר, אָנגעלענט אויף די קלאַווישן, איז גע־זעסן אַ מיידל מיט פראַכטפולע ליכטיקע האָר, וואָס האָבן באַדעקט אירע אַקסלען.

— אַנטשולדיקט — האָט געזאָגט בעט־האָווען — איך האָב געהערט דאָ שפּילן, זיינען מיר אַריינגעקומען... איך בין אַ מוזיקער.

דאָס מיידל האָט אַ ציטער געטאָן.

דער יונגערמאַן האָט אַ קוק געטאָן אויף אונדז אומפריינדלעך און בייז.

— איך האָב געהערט, איר האָט גע־זאָגט — האָט בעטהאָווען ווידער גע־

רעדט – איר ווילט, מע זאָל אייך אויפ־שפּילן, איך... איך וויל אייך אויפ־שפּילן...

אונדזער פּלוצלונגדיק דערשײַנען איז אויסגעקומען זייער מאָדנע און דער בעלעבאָס פונם אָרעמען הייזל האָט, ווייזט אויס, געוואָלט פון אונדז פּטור ווערן.

— אַ דאַנק! — האָט ער געזאָגט — אונדזער אינסטרומענט איז זייער אַ שלעכטער און מיר האָבן קיין נאָטן ניט..

— איר האָט ניט קיין נאָטן? — האָט בעטהאָווען פאַרוואונדערט געפרעגט—ווי אַזוי זשע שפּילט איר?

ער האָט אַרייַנגעקוקט אין פּנים דער יונגער מיידל און דאָ ערשט האָבן מיר באַמערקט, אַז זי איז בלינד...

— אַנטשולדיקט...—האָט בעטהאָווען זיך פאַרענטפערט — זאָגט מיר אָבער,

ווּ האָט איר דאָס געהערט, וואָס איר האָט נאָרוואָס געשפּילט?

— מיט עטלעכע יאָר צוריק — האָט דאָס מיידל דערציילט — האָט לעבן אונדז געוווינט אַ פרוי, אַ גוטע שפּי־לערין... אין פרילינג און זומער פלעג איך לאַנג שטיין פאַר די אָפענע פענסטער פון איר הויז און זיך צוהערן... געדענק איך עס...

בעטהאָווען האָט גאָרנישט געענט־פערט. ער האָט זיך שווייגנדיק געזעצט צום קלאַוויר און גענומען שפּילן.

ווי נאָר עס האָבן זיך דערהערט די ערשטע קלאַנגען, האָב איך שוין פאַר־שטאַנען, וואָס פון דעם וועט אַרויסקו־מען. קיינמאָל, ניט פאַר דעם, ניט נאָכ־דעם האָב איך אַזאַ מוזיק ניט געהערט; קיינמאָל און פאַר קיינעם האָט בעט־האָווען ניט געשפּילט מיט אַזאַ באַ־גייסטערונג, ווי אין יענעם אָוונט אין הייזל פון אָרעמען שוסטער און זיין

בלינדער שוועסטער.

דער עצם טאָן פון דעם אַלטן אינ־סטרומענט האָט זיך עפּעס מיטאַמאָל ווי איבערגעאַנדערשט און געקלונגען צאַרט, טיף, פּיירלעך...

דער ברודער מיט דער שוועסטער האָבן געשוויגן, פאַרשטיקט דעם אָטעם, פול מיט וווּנדער און התלהבות.

דער ברודער האָט געלאָזט די אַרבעט. די שוועסטער איז געשטאַנען ביים קלאַוויר מיט ברייט געעפנטע בלינדע אויגן, צודריקנדיק די האַנט צום האַרצן, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, דאָס האַרץ־קלאַפּן זאָל ניט צעשטערן די האַרמאָניע פון די כשופדיקע קלאַנגען.

די איין ליכט, וואָס האָט באַלויכטן דעם צימער, האָט פּלוצלונג אויפגעשיינט. דאָס פלעמל האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און זיך אויסגעלאָשן...

בעטהאָווען האָט אויפגעהערט שפּילן.

איך האָב געעפנט די לאָדן.

כוואַליעס לבנה־ליכט האָבן זיך אַריינגעגאָסן אין צימער. ס'איז געוואָרן נאָך ליכטיקער, ווי פריער.

דאָס געשטאַלט פון גרויסן מוזיקער ביים קלאַוויר האָט זיך שאַרף אויסגע־טיילט אין פינצטערן ווינקל.

דער קאָפּ האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן ברוסט, די הענט זיינען אומבאַ־וועגלעך געלעגן אויף די קני...

ער איז געווען פאַרזונקען אין טיפע מחשבות...

אַזוי זיינען אַריבער עטלעכע מינוט.

דער יונגערמאַן האָט זיך אויפ־געשטעלט און איז צוגעגאַנגען צו בעט־האָווענען.

— ווונדערבאַר! — האָט ער שטיל און לאַנגזאַם געזאָגט — ווער זייט איר? פון וואַנען?

— הערט... — האָט בעטהאָווען

אָנשטאָט אַ תשובה שטיל געזאָגט און גענומען שפּילן זיין סאָנאַטע, דיזעלבע וואָס ס'האָט פּאַר אים געשפּילט דאָס בלאָנדע מיידל...

אַ געשריי פון התפּעלות האָט זיך ביי ביידן אַרויסגעריסן ביים ענדיקן.

דער ברודער מיט דער שוועסטער האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו בעטהאָווענען, זיינען צוגעפאַלן צו זיינע הענט, באַדעקט זיי מיט קושן און טרערן.

— מיר האָבן דערקענט!... איר זייט בעטהאָווען... — האָבן זיי געזאָגט.

ער האָט זיך געשטעלט. געוואָלט אַוועקגיין.

— שפּילט אונדז נאָך עפּעס אויף!..

— האָבן זיי זיך געבעטן — נאָך איין מאָל!...

ער האָט זיך ניט געוועהרט און זיך ווידער געזעצט צום קלאַוויר.

ווי פריער האָט רויִק און העל גע־לויכטן די לבנה און באַלויכטן זיין

מאַיעסטעטישן מעכטיקן קאָפּ, זיין מעכ־
טיקע איידעלע פיגור.

— איך וויל שאַפן עפּעס אַ גייס —
האָט ער געזאָגט — אָנשרייבן אַ נייע
סאָנאַטע און ווידמען זי דעם לבנה־
ליכט...

ער האָט געקוקט אין פענסטער —
אויפן הימל, ווו די לבנה איז אַרומ־
געשוווּמען, ווו ס'האָבן געפינקלט די
ווייטע שטערן...

ער האָט זיך צוגערירט צו די קלאַ־
ווישן און דער אַלטער אינסטרומענט
האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן טענער
צאַרטע און פייערלעכע, וואָס האָבן זיך
געהויבן אין דער הויך און אָנגעפילט
דעם גאַנצן צימער, גלייך ווי דאָס לבנה־
ליכט האָט זיך צעשפּרייט איבער דער
שלומערנדיקער נאַטור.

נאָך זיי זיינען געקומען קלאַנגען
האַסטיקע און פריידיקע, פולע מיט לעבן
און לוסט, פונקט ווי אַן עלפן־טאַנץ

אויף אַ פּאַרכישופּטער לאָנקע.

דאַן איז געקומען דער פינאַל—פול מיט באַגייסטערונג מיט מאָדנער אומ־פאַרשטענדלעכער אימה.

ער האָט אונדז אַוועקגעטראָגן ווייט, ערגעץ ווייט אויף זיינע מעכטיקע פליג־לען און איבערגעלאָזט באַצויבערטע און טיף גערירטע.

—אַ גוטן!—האָט ער זיך געזעגנט, אָפּרוקנדיק דעם שטול און גייענדיק צו דער טיר — אַ גוטן !...

— איר וועט נאָך ווען קומען צו אונדז נאָך אַ מאָל? — האָבן געפרעגט פאַראַמאָל דער ברודער מיט דער שוועסטער.

ער איז געבליבן אַ ווײַלע שטיין, האָט אַ קוק געטאָן אויפן בלינדן מיידל מיט אַ רחמנותדיק־צאַרטן בליק.

יאָ, יאָ—האָט ער אויף גיך געזאָגט—איך וועל קומען צו אייך און געבן אייך

עטלעכע לעקציעס... איך וועל קומען, זיכער קומען...

מיר זיינען אַוועק.

— איך גיי אַהיים—האָט בעטהאָווען געזאָגט-איך דאַרף אָנשרייבן מיין לבנה־סאָנאַטע, כל זמן איך הער זי נאָך קלינגען.

און ער איז געזעסן איבער דעם ווערק די נאַכט און דעם פרימאָרגן.

אַזוי איז געשאַפן געוואָרן בעטהאָווענס באַרימטע לבנה־סאָנאַטע, פון וועלכער מיר אַלע ווערן אַזוי אַנטציקט, וועלכע וועט אייביק פאַרשאַפן די מענטשן דעם העכסטן גענוס.

# לאָטאָ-שפּיל
# „רעטעניש"

צונויפגעשטעלט

פון ש. באַסטאָמסקי

## באַמערקונגען צום שפּיל

— און —

## ענטפערס צו די רעטענישן

פארלאג
„די נײַע ייִדישע פאָלקסשול"
ווילנע